כא. בנוגע צו די משנה אין פרקי אבות, איז אזוי ווי אין דעם שבת לערנט מען דאך פרק חמישי, איז דארטן דא א משנה וואס כמה מפרשים שטעלן זיך אויף איר, מ'שטעלט זיך אבער ניט אויף אן ענין עיקרי וואס איז נוגע צו די גאנצע משנה.

- וואס -



<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

וואס דאס איז די משנה ו׳: "עשרה דברים נבראו בערב שבת בין השמשות, ואלו הן: פי הארץ, פי הבאר וכו׳".

וואס אין דערויף איז ניט פארשטאנדיק:

א) פרקי אבות איז דאך ענינים פון "מילי דחסידותא", ווי די גמ׳ (ב"ק ל, א) זאגט - איז דאך ניט מובן וואס איז די הוראה און וואס קומט צו אין עבודת האדם דערפון וואס מ׳וועט וויסן אז די עשרה דברים זיינען באשאפן געווארן בערב שבת בין השמשות, למאי נפק"מ צו וויסן צי "פי הארץ" איז באשאפן געווארן בשעת מחלוקת קרח, אדער אז ס׳איז באשאפן געווארן מיט טויזנטער יארן לפנ"ז, בערב שבת בין השמשות?!

דאס וואס די משנה זאגט "בעשרה מאמרות נברא העולם" (פ"ה מ"א), איז פארשטאנדיק די הוראה וואס מ׳נעמט ארויס דערפון, ווי די משנה איז ממשיך "ליתן שכר טוב לצדיקים שמקיימין את העולם שנברא בעשרה מאמרות", ועד"ז בנוגע צו די משנה "עשרה דורות מאדם ועד נח, להודיע כמה ארך אפים לפניו כו׳" (שם מ"ב),

ועד"ז בנוגע צו די משנה "עשרה נסים נעשו לאבותינו בביהמ"ק כו׳" (שם מ"ה), וואס דאס איז כדי אז מ׳זאל וויסן די גדלות פון דעם ביהמ"ק, וואס דאס איז נוגע סיי צום זמן שביהמ"ק הי׳ קיים, אז מ׳זאל זעהן אז מ׳זאל אים ניט חרוב מאכן, און אויך בנוגעצצום זמן הגלות, ווארום וויבאלד אז מ׳ווייסט אז "מפני חטאינו גלינו מארצנו", איז ווייסנדיק די מעלה פון ביהמ"ק, וועט ער מתקן זיין סיבת הגלות דורך תומ"צ;

ס׳איז אבער אינגאנצן ניט פארשטאנדיק וואס איז די הוראה דערפון וואס "עשרה דברים נבראו בערב שבת בין השמשות"?!

וואס בנוגע צו "פי הארץ", קען מען זאגן אז דאס איז אן ענין וואס איז פארבונדן מיט משה רבינו, און מיט ענינים פון אידישקייט וכו׳, ועד"ז בנוגע צו "פי האתון, הקשת, והמן, והמטה, והשמיר, הכתב, והמכתב, והלוחות", ביז אויך צו "קברו של משה רבינו", און אפי׳ דער ענין פון "מזיקין" איז אויך נוגע אין עבודת ה׳, כדי אז ס׳זאל זיין דער עילוי פון אתהפכא, לויט בײדע אופנים וואס ער ברענגט אין ספרא (עה"פ בחוקותי כו, ו), אז ס׳וועלן אויס מציאות פון מזיק, אדער אז זיין מציאות בלייבט, נאר ער איז ניט קיין מזיק;

אבער בנוגע צו דעם ענין פון "צבת בצבת עשוי׳", איז אינגאנצן ניט פארשטאנדיק וואס איז נוגע אין עבודת האדם דער ענין פון "צבת בצבת עשוי׳"?

ב) די גמ׳ (סנהדרין לח, א) זאגט דאך אז דער אדם איז באשאפן געווארן ביום הששי, "כדי שיכנס לסעודה מיד", ועד"ז זאגט רש"י בתחלת פירושו עה"ת אז די וועלט איז באשאפן געווארן "בשביל ישראל ובשביל התורה".

איז וויבאלד אז מ׳זאגט אז די עשרה דברים זיינען באשאפן געווארן בערב שבת בין השמשות, קומט דאך אויס אז זיי זיינען באשאפן געווארן <u>לאחרי</u> בריאת האדם - איז דאך ניט פארשטאנדיק וואו איז דא דער "יכנס לסעודה מיד" בנוגע צו די עשרה דברים, זיי זיינען דאך באשאפן געווארן לאחרי בריאת האדם?

איז בנוגע צו די אלע ענינים וואס די משנה רעכנט אויס, קען מען זאגן אז אדה"ר האט דאס ניט געדארפט האבן; דער ענין פון "פי הארץ" האט מען געדארפט האבן ערשט בזמן קרח ועדתו, עד"ז בנוגע לשאר הענינים, און

- אפי׳ -

אפי' דער ענין פון "אילו של אברהם אבינו" (וואס דאס איז געווען לפנ"ז), איז דאך דאס אויך געווען פויזנטער יארן נאך ארה"ר, ובמילא קען מען זאגן אז דאס איז ניט געווען פארבונדן מיט דער "סעודה";

די איינציקע זאך וואס אדה"ר האט געקענט נוצן, איז דאס דער ענין פון "צבת", ווארום אז ער וואלט געוואלט מאכן א גאפל אדער א לעפל פון גאלד, כדי ער זאל קענען עסן די "סעודה", האט ער געדארפט האבן א "צבת" כדי צו מאכן דעם גאפל וכו' – איז דאך ניט מובן ווי קומט דאס אז דער "צבת" איז באשאפן געווארן בערב שבת בין השמשות, לאחרי בריאת האדם, וויבאלד אז אדה"ר האט דאס געקענט נוצן, איז וואו איז דא אין דערויף דער "הכל מוכן לסעודה"?

ג) וואס איז דער חידוש אז דער אויבערשטער האט באשאפן דעם "צבה", וואס מ'דארף זאגן אז דאס איז פון די זאכן וואס זיינען באשאפן געווארן בערב שבת בין השמשות, פונקט אזוי ווי ס'איז פארשטאנדיק בפשטות אז דער אויבערשטער האט באשאפן די שמים וארץ וכל צבאם מאין ליש, האט ער אויך באשאפן דעם "צבת"?

– בנוגע צו די אנדערע זאכן וואס די משנה רעכנט אויס, איז דא דער חידוש שבזה וויבאלד אז ס'איז געווען אן ענין של נס, ע"ד ווי פי הארץ און פי הבאר וכו', ועד"ז דער שמיר, וואס מ'האט אים גענוצט אויף צו מאכן א חריץ אין אבני התושן והאפוד וכו', ווי די גמ' (סוטה מח, ב) זאגט "כותב עליהם בדיו ומראה להן שמיר מבחוץ והן נבקעות מאליהן", ועד"ז בנוגע צו הכתב והמכתב והלוחות, וואס דער חידוש בזה איז, אז די לוחות ראשונות זיינען געווען מעשה הקב"ה, ניט ווי די לוחות אחרונות וואס ס'איז געווען אין אן אופן פון "פסל לך" (תשא לד, א), עד"ז בנוגע צו קברו של משה רבינו, וואס אין דערויף איז דאך געווען דער נס אז "למעלה נדמה להם למטה, למטה נדמה להם למעלה" (סוטה יד, א);

ס'איז אבער ניט פארשטאנדיק וואס איז דער חידוש אין דעם וואס מ'זאגט אז דער אויבערשטער האט אויך באשאפן דעם "צבת"?

לכאו' וואלט מען געקענט זאגן אז וויבאלד דא רעדט זיך וועגן "צבת בצבת עשוי'", וואס אויף צו מאכן א צבת דארף מען אויך האבן א צבת, פרעגט זיך די שאלה ווער האט געמאכט דעם ערשטן צבת, און אויף דערויף זאגט די משנה אז דער אויבערשטער האט געמאכט דעם צבת. און ווי די גמ' (פסחים נד, א) זאגט: "ר' יהודה אומר . . צבתא בצבתא מתעבדא, וצבתא קמייתא מאן עבד הא לאי ברי' בידי שמים היא".

מ'קען אבער אזוי ניט זאגן, ווארום די גמ' איז דאך ממשיך: "אמר לי' אפשר יעשנה בדפוס ויקבענה כו'", און ווי מ'זעט מעשים בכל יום אז מ'קען מאכן א צבת אן אן אנדער צבת – דארף מען פארשטיין וואס איז דער חידוש אין דעם וואס מ'זאגט אז דער אויבערשטער האט באשאפן דעם צבת?

וכפי שיתבאר לקמן.

פט. דער ביאור אין פרקי אבות:

דער ענין פון "בין השמשות" איז דאך (ראה לקו"ש ח"ר ע' 1223. חי"ב ע' 81), אז ער האט א שייכות און איז כולל ביידע טעג, עד"מ דער בין השמשות פון יום ראשון, האט ער א שייכות סיי צו יום ראשון סיי צו יום שני, ועד"ז איז דאס אויך בנוגע צו ע"ש בין השמשות, אז דאס האט א שייכות סיי צו ערב שבת סיי צו שבת.

און אין דער משנה שטייט אז "עשרה דברים נבראו בערב שבת בין השמשות", ד.ה. אז דא איז מודגש צוויי ענינים: א) ס'איז געווען בערב שבת, ב) אין ערב שבת גופא איז דאס געווען בין השמשה. און וויבאלד אז ס'שטייט (ניט "בין השמשות בערב שבה", נאר) "בערב שבת (און דערנאך) בין השמשות", איז פארשטאנדיק אז דער עיקר איז דא נוגע אז ס'איז געווען בערב שבת, נאר אין דערויף גופא איז מען מוסיף אז ס'איז געווען בין השמשות.

[וואס דער ענין פון בין השמשות איז ניט דוקא די לעצטע רגעים פון ערב שבת, נאר ווי ס'איז פארשטאנדיק פון דעם דין אז בערב שבת בין השמשות איז ער רץ ברשות (ב"ק לב, א) - אז דאס מיינט ניט די לעצטע רגעים ממש פון ערב שבת, נאר דאס מיינט אפי' כמה שעות לפנ"ז, ווי ס'איז דא די חילוקים בזה, אבער עכ"פ איז דאס ניט די לעצטע רגעים פון ערב שבת.

ועד"ז ווי דאס איז בנוגע צו "בין הערבים" וואס שטייט ביי קרבן פסח (בא יב, ו), ועד"ז ביי קרבן תמיד (פנחס כח, ח) - אז דאס מיינט ניט די צייט וואס איז פאר שקיעת החמה, נאר דאס איז גלייך נאך חצות היום (פירש"י בא שם)].

ל. דער ענין פון "ערב שבת" איז דאך, אז דעמולט טוט מען די הכנות צו שבת. וואס דער ענין פון שבה איז דאך אז דעמולט דארף זיין דער ענין המנוחה, און שבת איז עניני הענוג, סיי ע"פ הלכה ועפ נגלה וע"פ חסידות וע"פ קבלה - איז דער ענין השבת "תענוג", און בערב שבת דארף זיין די הכנה צום ענין השבת.

וואס ס'זיינען דא ענינים וואס ער קען זיי ניט טאן בערב שבת, ווארום דאס האט א שייכות נאר צו שבת, ע"ד הענין פון "שינה בשבת תענוג" (ילקוט ראובני ואהחנן ד, יט), וואס דאס דארף זיין בשבת דוקא, און ס'איז ניט שייך ער זאל שלאפן בערב שבת לכבוד שבת; ס'זיינען אבער דא ענינים וואס מ'דארף זיי טאן בערב שבה אלס הכנה צו (ולכבוד) שבת.

אין דעם ענין ההכנה לשבת גופא, זיינען פאראן צוויי אופנים: ס'איז דא אן ענין של הכנה וואס אין דערויף איז ניט ניכר דער ענין פון שבת (ס'איז מערניט א הכנה צו שבת); ס'איז אבער דא אן ענין של הכנה צו שבת וואס אין דערויף איז שוין ניכר דער ענין פון שבת, ע"ד הענין פון הדלקת נר שבת, וואס דאס טוט מען דאך בערב שבה דוקא, און ס'דארף זיין אין אן אופן אז "לא יקדים ולא יאחר" (שבת כג, ב), אבער אין דערויף איז שוין ניכר דער ענין ההענוג פון שבה (ראה שיחה ש"פ אמור ש.ז.).

לא. עפי"ז איז פארשטאנדיק פארוואס איז דער אדם באשאפן געווארן דוקא בערב שבת און ניט בשבת - ווארום דער ענין פון שבת איז דאך דער ענין הכנוהה וההענוג (כנ"ל), און בריאה האדם איז געווען כדי אז ס'זאל זיין דער "אדם לעמל יולד" (איוב ה, ז), וואס דער ענין העמל איז דאך דער היפך פון ענין הכנוחה.

- ווי -



הנהה הה' בלתי מוגה

ווי מ'זעט דאס דערפון וואס מ'זאגט אז בשבת דארף זיין "כל מלאכתך עשוי'" (שו"ע אדה"ז או"ח סש"ו סכ"א), ווארום וויבאלד אז שבת איז ענינו דער ענין התענוג, מוז דאס זיין אין אן אופן פון "כל מלאכתך עשוי'", און ווי מ'זעט דאס בטבע האדם, אז אפי' אויב מ'גיט אים דעם גרעסטן ענין של תענוג, איז אויב ביי אים איז דא אן ענין של מלאכה וואס ער דארף נאך טאן, איז מצד די דאגה וועגן דער מלאכה, קען ניט זיין ביי אים דער תענוג בשלימות, נאר דער ענין פון תענוג כדבעי קען זיין דוקא ווען דאס איז ניט פארבונדן מיט אן ענין של מלאכה.

און וויבאלד אז "אדם לעמל יולד", אדה"ר איז באשאפן געווארן כדי אז מ'זאל זיין דער "לעבדה ולשמרה" (בראשית ב, טו), ער זאל אויפטאן דעם ענין פון דירה בתחתונים אין ג"ע, כדי ער זאל ווערן א שותף להקב"ה במעשה בראשית, וואס אזוי ווי דער ענין פון מעשה בראשית איז דאך געוועזן אין אן אופן פון "אשר ברא אלקים לעשות" (שם ג), אן ענין של עבודה ועשי', איז עד"ז דארף זיין די עבודה פון דעם אדם אין אן אופן של עמל ויגיעה -

דערפאר איז ער באשאפן געווארן בערב שבת (כדי שיכנס לסעודה מיד), און ניט בשבת, ווארום שבת איז דאך דער ענין התענוג, וואס דאס איז דער היפך פון עבודה ויגיעה.

לב. ע"פ כהנ"ל וועט מען פארשטיין פארוואס זיינען די עשרה דברים באשאפן געווארן בערב שבת בין השמשות, לאחרי בריאת האדם, און ניט לפני בריאת האדם (כדי שיכנס לסעודה מיד - אויך בנוגע צו די עשרה דברים):

אלע ענינים וואס זיינען באשאפן געווארן קודם בריאת האדם, וואס אויף דערויף זאגט מען אז דער טעם ע"ז איז כדי שיכנס לסעודה מיד, זיינען דאס אלץ ענינים וואס זיינען נוגע לצורך עבודת האדם; משא"כ אבער די ענינים וואס זיינען ניט פארבונדן מיט עבודת האדם, ע"ד דער ענין פון הכנה צו שבת, וואס שבת איז דאך דער ענין התענוג (היפך ענין העבודה, כנ"ל) - דארפן זיי ניט קומען פאר בריאת האדם, ווייל זיי זיינען ניט לצורך עבודת האדם.

ועפי"ז איז פארשטאנדיק פארוואס די עשרה דברים זיינען באשאפן געווארן בערב שבת בין השמשות, און ניט קודם בריאת האדם:

די אלע עשרה דברים זיינען ענינים של נסים, או תענוג, וואס דער ענין הנס איז דאך אז דאס איז העכער פון טבע העולם, והוספה על עולם על מילואו נברא - פריער רעדט זיך וועגן די "עשרה מאמרות" שבהם נברא העולם, איז דאס אן ענין וואס איז פארבונדן מיט וועלט, אבער די עשרה דברים זיינען דאך ענינים של נסים, העכער פון וועלט;

און וויבאלד אז דאס זיינען ענינים וואס זיינען העכער פון וועלט, איז דאס ניט נוגע צו "סעודתו" - די עבודה פון אדה"ד, וואס עבודתו איז אין וועלט, ווארום דאס זיינען ענינים שלמעלה מהעולם, ע"ד הענין פון שבת - תענוג, וואס דאס איז העכער פון די עבודה אין וועלט.

[וואס דער ענין פון "אדם" באווייזט אויף עבודה מסודרת, ווארום "אדם" איז ר"ת מחשבה דיבור ומעשה (לקו"ת בהעלותך לא, ג), משא"כ בשעת ס'איז אין אן אנדער צירוף - "ירום ונשא וגבה מאד" (ישעי' נב, יג), וואס מאד איז דאך אותיות אדם (המשך וככה תרל"ז פ"כ), וואס דאס באווייזט אויף אן ענין של בל"ג, וואס דאס וועט זיין לע"ל, אבער "אדם" באווייזט אויף עבודה מסודרת, עבודה מיט וועלט (קטע זה אינו ברור)].

- אבער -

אבער אעפ"כ איז דאס ניט באשאפן געווארן בשבת עצמו, נאר בערב שבת בין השמשות (וואס דאס באווייזט אז דאס האט א שייכות צו שבת) - ווארום דער ענין פון שבת איז אינגאנצן העכער פון וועלט, משא"כ די עשרה דברים, איז אע"פ אז זיי זיינען ענינים של נסים, איז דאס אבער פארבונדן כיטן סדר פון וועלט, נאר די עבודה איז אין אן אופן אז מ'הויבט אויף די וועלט, כמובן דערפון וואס אויך נאך דעם נס פון פי הארץ ופי האתון, איז דאס ניט געווארן אויס ארץ אדער אויס אתון, וואס דערפון זעט מען אז דאס איז נאך פארבונדן מיטן גדר העולם;

וואס דערפאר איז דאס באשאפן געווארן בערב שבת בין השמשות - ווארום דאס איז טאקע העכער פון וועלט, האט דאס א שייכות צו שבת, למעלה מ"טוב מאד", אבער וויבאלד אז דאס איז נאך פארבונדן מיט וועלט, איז דאס באשאפן געווארן <u>בערב</u> שבת און ניט בשבת עצמו.

דאס איז אבער דער ביאור ע"ד התסידות, ס'איז נאך אבער געבליבן מבאר זיין דעם ענין פון צבת אין נגלה כפשוטו - וכפי שיתבאר לקמן.

מ׳האט דאך גערעדט פריער (ס"ו) דעם דיוק וואס דער ירושלמי זאגט אז רשב"י האט מפסיק געווען "לעשות סוכה ולעשות לולב" - אז דער חידוש בזה איז, ניט אז ער האט מפסיק געווען צו מקיים זיין די מצוה, נאר אז ער האט אפי׳ מפסיק געווען צו די הכנות פון די מצוה, וואס אע"פ אז דאס איז מערניט ווי אן ענין פון הכנה צו די מצוה, אעפ"כ האט ער זיך מתעסק געווען אויך דערמיט.

וואס אין דעם ענין פון הכשר מצוה זיינען דא כו"כ דרגות: ס׳איז דא דער ענין פון עבודה שאינה תמה, ע"ד ווי קבלה און הולכה און זריקה (יומא כד, א), וואס דאס איז טאקע אן ענין של עבודה, אבער מצד דערויף וואס דאס איז אן עבודה שאינה תמה, איז דאס אן ענין של הכשר מצוה צו די עבודה תמה, ווי גערעדט אמאל בארוכה.

דערנאך איז דא דער ענין פון הכשר מצוה וואס אליין איז דאס ניט קיין עבודה, מערניט ווי א הכשר צו די מצוה, ביז אז לדעת ר"א (שבת קלא, א) איז מכשירי מצוה אויך דוחה שבת (אויב ס׳איז א מצוה וואס איז דוחה שבת), ווי די משנה (שם קל, א) ברענגט די דוגמא פון כורתין עצים לעשות

- מהם -

מהם פחמים לעשות איזמל למילה, וואס דאס איז דאך גאר א ווייטער מכשיר (ניט נאר ברענגען דעם איזמל פון רה"י צו אן אנדער רה"י דורך רה"ר, נאר אפי׳ כורתין עצים לעשות מהם פחמים כו׳).

וע"ד וואס די גמ׳ (ב"מ פה, ב) זאגט "כמה גדולים מעשי חייא", אז ער איז אליין געגאנגען פאיינגען דעם הירש, און ער האט אליין אנגעשריבן אויף דעם עור הצבי חמשה חומשי תורה און ששה סדרי משנה, און דערנאך האט ער דאס געלערנט מיט די תינוקות, און האט זיי געגעבן די ספרים כו׳ - און אויף דערויף זאגט די גמרא אז ער איז גרעסער פון ר"ח וואס האט געזאגט אז "מהדרנא לה מפילפולי".

וואס די אלע זאכן האט ער אליין געטאן (אע"פ אז ס׳איז געווען מערניט ווי אן ענין של הכשר צום עצם הענין), וואס לכאו׳ האט ער געקענט שיקן זיינע הלמידים וכו׳, אבער אעפ"כ האט ער דאס אליין געטאן, ווארום ס׳איז ניט דומה א זאך וואס טוט אפי׳ א הלמיד מובהק צי שלוחו של אדם כמותו, לגבי ווי ער אליין טוט די זאך, ווייל בשעת אז אן אנדערער טוט דאס, טוט ער נאר וויפל מ׳דארף טאן, ס׳איז אבער ניט דומה צום קאך והתלהבות וכו׳ וואס ער אליין האט אין דער זאך, און ער טוט דאס אין אן אופן פון "ותחדד שנתי מעיני" (ויצא לא, מ) וכו׳.

לה. עפי"ז וועט מען פארשטיין דעם ביאור בנוגע צו "צבת":

די משנה זאגט "ואף צבת בצבת עשוי׳", וואס דער פי׳ בזה איז דאך, ווי די גמ׳ (פסחים שם) טייטשט אפ, אז וויבאלד אז אויף צו מאכן א צבת דארף מען האבן אן אנדער צבת, פרעגט זיך די שאלה ווער האט געמאכט דעם ערשטן צבת? - און אויף דערויף זאגט מען אז דעם ערשטן צבת האט דער אויבערשטער געמאכט.

וואס דאס איז וואס רש"י (ד"ה הצבת פסחים שם) טייטשט אפ אז דער צבת איז "של ברזל", וואס דערמיט מיינט ער (ניט שולל זיין אנדערע מהכות, נאר ער מיינט) שולל זיין צבת של עץ, וואס אויף צו מאכן א צבת של עץ דארף מען ניט האבן קיין אנדער צבת, נאר דא רעדט זיך וועגן א צבת של ברזל, וואס מ׳דארף האבן אן אנדער צבת אויף צו מאכן דעם צבת - און אויף דערויף זאגט מען אז דעם ערשטן צבה האט געמאכט דער אויבערשטער.

וואס דאס איז מסביר ע"פ נגלה דעם לשון המשנה "צבת בצבת עשוי׳", ווארום דערמיט איז מוסבר אז עס רעדט זיך וועגן א צבת של ברזל וואס מ׳דארף מאכן דורך א צבה.

וואס דערפון איז דאך פארשטאנדיק אז די ערשטע צבה וואס דער אויבערשטער האט געמאכט, איז געווען מערניט צוליב אז מיט דעם צבת זאל מען קענען מאכן אן אנדער צבת, ד.ה. אז דער צבת האט ניט געהאט קיין תכלית לעצמה, מערניט אז דורך איר וועט מען קענען מאכן אן אנדער צבת - וואס דאס איז דאך ע"ד הענין פון מכשירי מצוה, אז ס׳איז מערניט ווי אן ענין של מכשיר.

[ווארום דא רעדט זיך ניט וועגן "ומלקחי׳ ומחתותי׳ זהב טהור" (הרומה כה, לח), וואס מלקחי׳ איז דאך געווען "צבתים העשויין ליקח בהם הפתילה", וואס דער צבת איז אן ענין און א הכליה בפ"ע, אן ענין של מצוה אין ביהמ"ק - נאר דא רעדט זיך וועגן די ערשטע צבה וואס דער אויבערשטער האט געמאכט. וואס ענינה איז געווען מערניט כדי אז דורך איר זאל מען קענען מאכן אן אנדער צבה - ע"ד מכשירי מצוה].

און אויף דערויף זאגט מען אז די ערשטע צבת וואס ענינה איז מערניט ווי א הכשר צו אן אנדער זאך, איז דאס אויך באשאפן געווארן פון דעם אויבערשטן אליין, ד.ה. אז דער אויבערשטער האט זיך פארנומען אפי׳ מיט

- מאכן -

מאכן א צבת, אן ענין וואס איז מערניט ווי א מכשיר, איז מהותו ועצמותו שאין לו עילה וסיבה שקדמה לו ח"ו, האט ער זיך פארנומען מיט באשאפן א צבת!

וואס דערפון האט מען די הוראה אין עבודת האדם, אז ס'איז דא אמאל וואס ער קען טענה'ן אז דער ענין איז מערניט ווי אן ענין של הכשר כו', און ער זעט ניט ווי אזוי דאס טוט אויף, ובמילא דארף ער זיך ניט קאכן אין דערויף - זאגט מען אים אז דער אויבערשטער אליין האט זיך פארנומען מיט מאכן א צבת, אע"פ אז ס'איז מערניט ווי אן ענין פון א מכשיר צו א צווייטע זאך.

לו. דערביי זאגט מען אבער, אז יעדער ענין וואס דער אויבערשטער האט באשאפן, איז וויבאלד אז "אין הקב"ה מקפח שכר כל ברי'" (ב"ק לח, ב), קען מען ניט זאגן אז אין אים אליין איז ניטא קיין תכלית ומכוון, און ער איז נאר צוליב אן אנדער זאך, נאר מ'מוז זאגן אז אין אים גופא איז אויך דא א תכלית - וואס דאס איז דער ניצוץ אלקי וואס געפינט זיך אין אים (אינו ברור).

ביז אז אפי' אין דעם ענין פון מזיקין איז אויך דא א תכלית - וואס דאס איז דער ענין פון אתהפכא חשוכא לנהורא, וואס דאס האט זיך אויפגעטאן דוקא נאך חטא עה"ד, וואס דעמולט איז געווארן דער ענין המזיקין, און דעמולט איז שייך דער ענין פון אתהפכא.

- צי ס'איז געווען אין אן אופן אז דורך דעם חטא עה"ד איז דער נחש אליין געווארן אן ענין של מזיק כו' - ס'איז אבער שווער צו זאגן אזוי, ווארום מ'זאגט דאך אז "נחש הקדמוני שמש גדול הי'" (סנהדרין נט, ב), איז ווי קען זיין אז אין דעם זעלבן נברא גופא זאל ווערן אן ענין הפכי לגמרי; פריער איז ער געווען א "שמש גדול", ד.ה. אן ענין של גדלות אין שמשות, און דערנאך זאל ער ווערן א מציאות של מזיק?!

וואס דערפאר דארף מען זאגן אז דער ענין פון מזיקין איז א באזונדער מציאות וואס איז געווארן דורך דעם חטא עה"ד - וואס דער תכלית שבזה איז, אז ס'זאל ווערן דער ענין פון אתהפכא חשוכא לנהורא.

- עס טאר ניט זיין דער ענין פון "אחטא ואשוב", ווארום "האומר אחטא ואשוב אין מספיקין בידו כו'" (יומא פה, ב), אבער נאך דערויף וואס איז געווען אן ענין של חטא, זאגט מען אז די כוונה בזה איז, אז ס'זאל זיין דער עילוי פון אתהפכא.

וואס אין אותיות פון נגלה איז דאס דער ענין פון "זדונות נעשו לו כזכיות" (שם פו, ב), און דער ענין וואס "במקום שבע"ת עומדין אין צ"ג יכולין לעמוד שם" (ברכות לד, ב. רמב"ם הל' תשובה פ"ז ה"ד).

וואס לכאו' פרעגט זיך די שאלה: ווי אזוי איז געווען דער ענין פון אתהפכא קודם החטא? - איז דאך דא דער ביאור אין חסידות, אז קודם החטא איז געווען דער ענין פון אתהפכא באופן אחר, באופן מקיף וכו'; אדער לויט מסקנת הענין אז דעמולט האט טאקע געפעלט דער עילוי פון אתהפכא, און דאס האט זיך אויפגעטאן דוקא ע"י החטא.

וואס דער ענין פון חטא עה"ד איז דאך פארבונדן און נעמט זיך פון דעם ענין פון מיעוט הלבנה, און לפנ"ז - דער ענין השבירה פון עולם התוהו, ביז צו דעם ענין פון צמצום הראשון, כמבואר אין דעם מאמר פון י"ב תמוז תרצ"א (סה"מ קונטרסים ח"א קצב, א ואילך) - וואס די כוונה בכ"ז איז דאך כדי אז ס'זאל זיין דער עילוי פון אתהפכא.

- עד"ז -

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

עד"ז דער ענין פון "פי הארץ" איז אויך פארבונדן מיט דעם ענין פון אתהפכא, ווארום די גמ' זאגט דאך אין סנהדרין (קי, סע"א) אז אויך איצטער געפינען זיך עדת קרח אין שאול, און זייענדיק דארטן שרייען זיי אז "משה אמת ותורתו אמת", און זיינען נאך מוסיף "ואנחנו בדאים" - וואס דאס איז דאך דער ענין פון אתהפכא חשוכא לנהורא.

וואס דאס איז די הוראה דערפון וואס פי הארץ וכו' זיינען באשאפן געווארן בע"ש בין השמשות - הוספה בתענוג ע"י עבודה ואתהפכא דלעו"ז דוקא.

עד"ז דער ענין פון "פי הבאר", וואס דאס איז דאך געווען אין דעם "מדבר הגדול והנורא נחש שרף ועקרב גו'" (עקב ח, טו) - וואס דאס באווייזט דאך אויף דעם ענין פון אתהפכא.

עד"ז דער ענין פון "קברו של משה רבינו" - וואס דאס איז דאך פארבונדן מיט דעם ענין פון שער הנו"ן (לקו"ת במדבר יב, א. ובכ"מ), וואס דאס איז דאך אן ענין נעלה ביותר.

וואס אין דער משנה זעט מען נאך אן ענין: אין די משנה פון "בעשרה מאמרות נברא העולם", ועד"ז אין די אנדערע משניות וואס ס'ברענגט זיך דער מספר פון עשר, איז ניטא קיין מערער ענינים פון מספר; משא"כ אבער אין דער משנה, איז נאך דערויף וואס ער רעכנט אויס די עשרה דברים, קומט צו א "ויש אומרים וכו'", עלף זאכן, צוועלף זאכן, ביז דרייצן זאכן - וואס דאס איז מצד דעם עילוי פון אתהפכא.

לז. כאמור לעיל אז די הוראה פון דעם ענין פון צבת איז, אז אפי' אויב ער זאגט אז ס'איז מערניט ווי אן ענין של מכשיר וכו', אעפ"כ דארף ער זיך פארנעמען דערמיט מיט א קאך כו', ווארום מ'זעט דאך אז דער אויבערשטער האט זיך פארנומען מיט מאכן א צבת, אע"פ אז ס'איז מערניט ווי אן ענין של הכשר צו א צווייטע זאך.

וואס דאס איז דאך דער ענין וואס מ'קאכט זיך אין "קירוב רחוקים", ביז צו אן ענין של "רחוקים" אין אידישקייט גופא - אז ביי אים פעלט מערניט ווי אן ענין של מנהג ישראל, וואס לכאו' איז דאך דאס מערניט ווי א קליינע זאך, און וואס פאר אן ערך האט דאס צום ענין פון "אנכי ה' אלקיך גו'" וואס שטייט אין עשה"ד - אעפ"כ זאגט מען אים אז ער זאל טאן אין דערויף (ע"ד ווי דער אויבערשטער פארנעמט זיך מיט מאכן א צבת, אע"פ אז ס'איז א קליינע זאך וכו').

ביז אז מ'זאגט אז דער ענין פון א מנהג ישראל איז אן ענין נעלה ביותר - וואס אע"פ אז דער ענין פון ניסוך היין איז א מ"ע דאורייתא, און ניסוך המים איז עכ"פ אן ענין וואס איז הלכה למשה מסיני, אעפ"כ זאגט מען אז דער ענין פון הקפות, וואס דאס איז מערניט ווי א "מנהג ישראל", דערלאנגט דאס העכער פון ניסוך המים און ניסוך היין (ראה לקו"ת סוכות עט, ד ואילך).

וואס דאס איז ע"ד הענין פון "אילו נצטווינו לחטוב עצים כו'" (לקו"ת שלח מ, א), וואס דער ענין פון לחטוב עצים באווייזט אויף אן ענין וואס לכאו' איז ניטא אין דערויף קיין תכלית, ס'איז ניט קיין ענין של מצוה וואס דורך דערויף איז מען ממשיך אלקוה - אעפ"כ זאגט מען אז אילו נצטווינו לחטוב עצים, וואלט מען דאס געטאן מיט דעם זעלבן קאך וכו', מצד דעם ענין פון "נצטווינו". וואס דאס איז דאך דער ענין פון עבד פשוט און עבד נאמן (ניט קיין עבד כנעני). ביז צו דעם ענין פון בן שהוא עבד (ראה ד"ה אלה הדברים תרס"ו).

און די עבודה וואס מ'טוט אין דעם זמן פון עקבתא דמשיחא, אויף דערויף זאגט מען אז "אין המלאכה נקראה אלא ע"ש גומרה" (סוטה יג, ב.

- פירש"י -

פירש"י עקב ח, א), וואס אע"פ אז א צווייטער האט געטאן די גאנצע זאך, אעפ"כ, וויבאלד אז ער איז געווען דער "מכה בפטיש", און ער האט פארענדיקט די מלאכה, זאגט מען אז דאס ווערט אנגערופן על שמו.

ועד"ז איז דאס אויך בנוגע צום דרא דעקבתא דמשיחא - וואס לכאו׳ קען מען דאך מאכן א שטורעם ווי קען זיין אז משיח וועט קומען אין דעם דור, ס׳איז דאך "אכשור דרא בתמי׳"?! - אעפ"כ זאגט מען אז דאס גופא איז די מעלה פון דעם דור אז דאס איז דער דור פון עקבתא דמשיחא, און זיי פארענדיקן די אלע ענינים פון בירורים וכו׳, ביז אז מ׳קומט צום ענין הגאולה. (חסר קצת).

ויה"ר אז מ׳זאל זיך גרייטן צו מ"ת, און ס׳זאל זיין - בלשון הרב - קבלת התורה בשמחה ובפנימיות,

ביז אז מ׳וועט זוכה זיין צום מנין העשירי וואס וועט זיין לע"ל (במדב"ר פ"ב, יא), וואס דאס וועט זיין אין אן אופן פון "תעבורנה הצאן ע"י מונה" (ירמי׳ לג, יג) - דער "ואתן צאני גו׳" (יחזקאל לד, לא), בביאת משיח צדקנו בקרוב ממש.

אח"כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, זאלן זיי מאכן א ברכה אחרונה.

אחר מנחה התחיל לנגן ניעט ניקאווא.